**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/27/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL מעלדט אז ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן ווערן באלאכטן אין אנערקענונג פון אינטערנאציאנאלע האלאקאוסט געדענקעניש טאג

***14 לאנדמארקס צו ווערן באלאכטן אין געל אין די אווענט פון יאנואר 27***

אין אנערקענונג פון אינטערנאציאנאלע האלאקאוסט געדענקעניש טאג, האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן באלאכטן ווערן אין געל אין היינט אווענט אין עהרע פון די זעקס מיליאן אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן דורכאויס די האלאקאוסט.

"אויף האלאקאוסט געדענקעניש טאג, טוען מיר געדענקען די זעקס מיליאן אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן דורך די נאצי רעדזשים," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "80 יאר זייט די באפרייאונג פון אוישוויץ, מוזן מיר אפגעבן די פאסיגע כבוד פאר די זכרונות פון די וועלכע זענען צוגענומען געווארן פון אונז, דורך זיך קעגנשטעלן צו אנטיסעמיטישע פיינטשאפט אין יעדער ארט וואו זי באווייזט איר מיאוסע פנים."

סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן רעכענען אריין:

- 1 WTC
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייגאנג
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- גאווערנער מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- מויניהאן באן האל
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- ניאגארא וואסערפאלן
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן